# Digitales Brandenburg

## hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

## {829305521}

עדערראפ

Visual Library

**פִּינְדַארוּם** — קאססיוס קאממערדיענער .
**קַאלְפּוּרְנִיַא** — צעזאר'ס ווייב
**פָּארְטִיַא** — ברוטטוס ווייב .

סענאטארען , שטאט בעלי בתים, סטראזש , קאממערדיענערס .

---

דיא סצענא קומט פאר צום ערשטין אין רומא , אונ נאך דעם אין סארד אונד נעבען פיליפפי , אין דער צייט — 100 יאהר פארען געבארענהייט פאן ישוע המשיח .

---

# פארערדע

---

ליעבע זשארגאָנישע לעזער אונד לעזערין ! איך בעמערק אין איך שוין פון אַ צייט , אז סע גליסט זיך אייך לעזען ביכער אויסער דעם צאינה וראינה שבת בייא טאג , אין בבא'ס מעשה שבת צוא נאכט ; איהר וואָלט ניט גיזשאַלעוועט אין מיטען דער וואָך אויך עטליכע שעה אין טאג אויף לעזען אַ בוך אביא אַ רעכטען , איז חאָטש דאנקען גאט איהר האט שוין גענוג זשארגאָנישע ביכער, אפילו דיא וואָך זאל האלטען צעהן טאג ניט קיין זיעבען , פון דעסט וועגין רעכען איך אַז מיין ווערק , וואס איך גיב יעצט ארויס איז אויך ניט איבעריג , עס איז פֿיעל אינטיערעסנער צוא לעזען , איידער אזעלכע ביכער , וואס אַז מע לייענט זייא נאך בבא'ס מעשה מעג מען זאגען „שוועכק אויס דיא שיסעל , אונ גיב וויטער באָרשט" יענע בבא'ס

מעשה אַוועק גיוואָרפֿין , און אַ נייע גילייענט . מיין ווערק וועלכע
איך גיב יעצט ארויס איז פֿריער גאַטס און נאָך דעם פֿרעמדס , היינו
עס איז איבערזעצט פֿון דער ווערק פֿון דעם בעריהמטען דיכטער
און דראַמאַטורג וו. שעקספּער — ציא ווישען דיא זשאַרגאָנישע
שרייבער געפֿיהן איך ניט אַזעלכען . — אין ערשטען איז דיא ווערק
ווערט מע זאל זיא לייענען ווייל זיא איז פֿון אַ בעריהמטען פּראָפֿעסער .
און צווייטען , ווייל סע איז ניט קיין אויסגיטראַכט ערצעהלונג וואס
סע איז ניט גישטויגען און ניט גיפֿלויגען , עס איז איינע היסטאָרישע
פֿאָרשטעלונג , וועלכע עס האט זיך אין אמתן גיטראָפֿען אין 1900
יאהר צוריק . איך וועל אין קורצען דערצעהלען דעם לעזער דיא
היסטאריע : אין יענעם יאהר , איך מיין 100 יאהר איידער ישוע
המשיח איז געבאָרען גיווארען , איז געבאָרען אין רומא איינער
יוליוס צעזאַר , וועלכער ער איז נאָך דעם גיווארען דער
ערשטער קייזער אין רומא , און אויף איהם זענען אויף גישטאַנען
פֿיעל מיאַטיעזשניקעס , וועלכע האבין גיוואלט איינפֿיהרען רעס-
פובליקע אין רומא , און האבין איהם גיהאַרגעט אין דער סענאַ-
טאָריע , אויף דעם פֿיער און פֿערציגסטען יאהר פון זיין לעבען ,
דעם 15 טען מאַרט (יוד מארטע) , און האבין אוים געפֿיהרט
זייערס , סע הייסט עס איז טאַקע גיווארין רעספובליקא , אויף אַ
קליינער צייט , נאר דיא אַלע מיאַטיעזשניקעס זענען גיטויט גיווארין ,
עטליכע האבין זיך אַליין גיטייט , און עטליכע דורך דיא הענד פֿון
צעזאַרס ליעבהאָבערס . דיא היסטאָריא שפּיעלט זיך דא אין דער
דראַמא , אין וועלכע איך גיב יעצט ארויס , און בעט אייך איהר
זאלט זיא לייענען , אויף פּראָסט יודיש זשאַרגאָן . איך האב גיזעהען
פֿיעל זשארגאָנישע שרייבער מיטשען זיך וויא וויט זייא קענין אויס
מישען זייער זשאַרגאָן , דער מיט העכער האלב דייטש , דער מיט
דרייא פֿערטעל רוסיש , און איך געפֿיהען אז מיין דראַמא דאַרף
געשריעבען ווערען אין פּראָסט יודיש זשאַרגאָן , וואָרום דער וואס
קאָן דייטש , וועט געוויס בעסער וועלין לייענען דייטשעשע אָריגי-
נאַלען איידער זשאַרגאָנישע פערעוואָדען — איין אָריגינאַל איז תמיד

בעסער פֿון אַ פערעוואָר — און דער וואס קאָן רוסישע שפּראַכע וועט אויך בעסער וועלין לייענען דיעזע ווערק אין רוסישען, ווייל רוסיש איז מיין וועלט-שפּראַך אײדער זשאַרגאָן, און איך גיעב ארויס מיין ווערק נאָר וועגען אזעלכע, וואס פֿאר שטעהען ניט קיין אנדערע שפּראַך, אדער וועגען אַזעלכע וואס פֿארשטעהען יאָ, נאר זייא שעמען זיך ניט מיט זייער יודישער שפּראַך, היינט וואס טויג זייא דייטש אדער רוסיש אז זייא ווילען יודיש. דאַרום גיב איך עס ארויס אויף פּראָסט יודיש זשאַרגאן יעדערער זאל דאס קאָנען לעזען. נאר אייניגע ווערטער וועלכע עס קומען פֿאָרט פֿאָר אין בוך, ניט מיט מיין וויללען, אויסלענדישע (Иностранные) ווערען פֿאר טייטש צום סוף נאכען א. ב. אויף פּראָסט זשאַרגאָן. איך בעט אייך לייענט דאס ווערק וועט איהר געוויס ניט פֿאר בריינגען אומזיסט אייער צייט.

דער איבערזעטצער.